בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִשְׁט מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ חַבְרְ'ן.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, פוּן וָואס אִיךְ שֶׁעפּ אַזוֹיפִיל חַיוּת טָאג אַיין טָאג אוֹיס. וּבִפְרַט פוּן דִי חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אִין יֶעדְן מַצָּב.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דָארְט פַאר אַסַאךְ סִיבּוֹת. מִיר זֶענֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן רוֹב בָּחוּרִים מִיט וֶועמֶען אִיךְ לֶערְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט זִיךְ צוּ חַבֶרְ'ן מִיט זֵיי, אוּן דִי בִּיסְל וָואס זֶענֶען יָא גוּט זֶענֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע נָארְמַאלֶע בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ לֶערְנֶען אִין אַ נָארְמַאלֶע יְשִׁיבָה מִיט נָארְמַאלֶע בָּחוּרִים, אוּן דִי יֶעצְטִיגֶע יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אוֹיב וֶועל אִיךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן ווֵייס אִיךְ אַז דָאס וֶועט נִישְׁט טוֹיגְן פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל זִיכֶער פַאלְן פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ט אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ

זוֹכֶה זַיין אַ חָתָן צוּ װערן און אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן; טוּ דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס װעט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", װען עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְ'ן סוֹף - דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה. װען דוּ עֶנְדִיגְסְט דָאס זָאגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און גֶעזָאגְט קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג. עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיינְס, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר אַ פְּלַג גוּף, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ װען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס זָאגְט עֵדוּת אוֹיף אִים אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶער װעלְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "שְׁלֹשָׁה מַכְרִיז עֲלֵיהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל יוֹם וכו'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַכְרִיז אִין הִימְל אוֹיף בָּחוּרִים וָואס הַאלְטְן זִיךְ עֶרְלִיךְ; װער רֶעדְט נָאךְ װען מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים אַ שִׁידוּךְ; פוּן דֶעם װערְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען בְּרֶענְגְט אִים זַיין שִׁידוּךְ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁאֵלָה מִיט חֲבֵרִים וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה און גֵייעֶן אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, מִיט דֶעם וָואס דוּ װעסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה װעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א (כְּתוּבּוֹת ח: דִיבּוּר הַמַּתְחִיל "עַל כֵּן עַל בַּחוּרָיו"): "שֶׁהָעוֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, לְפִי שֶׁהַבַּחוּרִים מְנַבְּלִים פִּיהֶם וכו', יָבֹא לָהֶם הָעֹנֶשׁ בְּבַחוּרִים הַמַּגִּיעִים לְפֶרֶק הַחֻפָּה שֶׁלֹּא יִשְׂמְחוּ בָּהֶם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה; אוֹיבּ בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִצְלָן װעלְן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בַּיי זֵייעֶר חוּפָּה, עַיֵּין שָׁם.

עֶנְדֶערְשׁ חַבֵר זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הֵייסְן נִישְׁט נָארְמַאל וִוי אֵיידֶער צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי קְלוּגֶע בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן פוּן עֲבֵירוֹת; גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא עֲקַבְיָא בֶּן מְהַלֵּל הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים (עֵדִיּוֹת ה, ו): "מוּטָב לִי לְהִקָּרֵא שׁוֹטֶה כָּל יָמַי,

וְלֹא לַעֲשׂוֹת שָׁעָה אַחַת רָשָׁע לִפְנֵי הַמָּקוֹם", אִיךְ וָועל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ שׁוֹטֶה מַיין גַאנְץ לֶעבְּן וִוי צוּ זַיין פַאר אֵיין מִינוּט אַ רָשָׁע פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים אוּן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג הָגוּן בְּקָרוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס דִי יְסוּרִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, וָואס הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַמָאל אִין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן. אָבֶער יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אַז קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶועט מִיר שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן.

אַלֶעס אִין לֶעבְּן גֵייט מִיר שְׁווַארְץ, דִי פַּרְנָסָה, דִי שְׁלוֹם בַּיִת, דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ אַלֵיין. אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעהַאקְט אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ שׁוֹין פַאר 12 יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ פַיינְט יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיךְ בִּין דָארְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג זֶעלְבְּס זִיכֶערְקֵייט אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי פָּאסְטְן אוּן גֵיין זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה. דֶער זוּן פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר פַיינְט אוּן הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְטְס פַאר זַיין טַאטֶע וֶועגְן מִיר, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ צוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּן דֶערְוֶועגְן.

דֶערְוַוייל וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער דֶעפְּרֶעסְט יֶעדְן טָאג, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער מַיינֶע ווֵייטָאגְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָאנְטֶער חָבֵר, נִישְׁט קַיין רֶבִּי אָדֶער רָב, אוּן אֲפִילוּ פַאר מַיין וַוייבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער מַיינֶע אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פִיל גֶעווֵיינְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פִילֶע לַאנְגֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּאגָאסְן מִיט טְרֶערְן, אָבֶער וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרֵירָה וָואס בְּלַייבְּט מִיר אִיז נָאר צוּ שְׁטַארְבְּן, הַלְוַאי וֶוען שְׁטַארְבְּן, אִיךְ קֶען וֶוען אִיךְ זֶע אַזוֹיפִיל גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט, הַלְוַאי וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶענוּמֶען אַנְשְׁטָאט זֵיי.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר?

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁטַארְבְּן ? שְׁטַארְבְּן וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְּן ; טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין רֶגַע אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יִסוּרִים וָואס עֶר לַיידְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לְךָ", זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מִמֵילָא קֶען זַיין אַז מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארִים אָדֶער אַ פְּלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וֶוען מֶען כַאפְּט דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִירְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאל אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע שְׁטָאךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בַּייס פוּן דִי וֶועְרִים אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל ?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן" ; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל - עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן - עֶר וִויל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים מִיט זַיין יְשׁוּעָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ .. יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן ; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְּן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאךְ גֶעבְּן אִיז

נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיִיאוּשׁ וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס מֵיינְט פַאר מִיר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין בָּארָא פַּארְק, אוּן לֶעצְטְנְס הָאט דָא פַּאסִירְט צְוֵויי שׁוֹידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס, צְוֵויי בְּחוּרִים זֶענֶען דָא אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף גָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, ווִיל אִיךְ וויסְן - אַלְס תּוֹשָׁב פוּן בָּארָא פַּארְק - וָואסֶערֶע זַאךְ ווִיל מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְרַמֵּז זַיין מִיט דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי דְרָכִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.
~~~~~~~~~~~

אֲפִילוּ מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶע פַּארְשְׁטֵייעֶן מִיר דָאס נִישְׁט, דָאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט; עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאט צוּטוּן מִיט גִלְגוּלִים וְכוּ׳ אָדֶער כְּדֵי צוּ אוֹיפְוֶועקְן דִי וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַמָאל נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת כְּדֵי מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן. דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט גוּט מֶען זָאל צוּפִיל אַרַיין קְרִיכְן אִין דִי זַאכְן, מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה׳ אֱלֹקֶיךָ"; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

וֶוען מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מֶען דַארְף זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ל.) אַז אֲפִילוּ מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן דִי סַנְהֶדְרִין וָואס זָאלְן מַעֲנִישׁ זַיין מִיט דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין, גֵייט אָבֶּער דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין אָן אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צֵייטְן - אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה; וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב סְקִילָה פַּאלְט אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ אָדֶער וֶוערְט עֶר פַּארְצִיקְט פוּן אַ חַיִ׳, וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב שְׂרֵיפָה וֶוערְט פַּארְבְּרֶענְט אָדֶער כַאפְּט עֶר אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג, וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב מִיתַת הֶרֶג וֶועט גֶע׳הַרְגֶ׳ט וֶוערְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב חֶנֶק וֶוערְט דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער אָדֶער וֶועט עֶר דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן; מֶען הֶערְט לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צֵייטְן זֵייעֶר אַסַאךְ שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֶקְסִידֶענְטְס אוּן אַנְדֶערֶע פַּארְשִׁידֶענֶע אוּמְגְלִיקְן, דָאס אִיז נִישְׁט אוּמְזִיסְט, נָאר אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶערְפַאר, וֶוער עֶס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ׳, וֶוען עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַ צְוֵוייטְן דַארְף אִים כַאפְּן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק אַז דָאס קֶען פַּאסִירְן בַּיי אִים, עֶר קֶען בַּאקוּמֶען אֵיינֶע פוּן דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין. וַוייל פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט דַארְף מֶען זִיךְ עֶפֶּעס אַרוֹיסְלֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט דַארְף מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן רְמָזִים פַאר׳ן לֶעבְּן; אַז מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיק וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶעריסְן יוּנְגֶערְהֵייט פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן וָואס פְּרִיעֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעזָאגְט בַּיים בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט "דַי" - גֶענוּג (וֶוען נִישְׁט דִי וָוארְט וָואלְט דִי וֶועלְט אַלְץ גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער) זָאל שׁוֹין זָאגְן פַאר אוּנְזֶער צָרוֹת "דַי" - גֶענוּג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טְרֵייסְטְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן אוּנְז אַלֶע בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִינֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, וֶוען מְ'צִינְדְט אָן הוֹיךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, שְׁפִּירְט מֶען מַמָשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אַלֶעמָאל אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ נִשְׁט זָארְגְן פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ.

בַּיי אוּנְז פְלֶעגְט מֶען זִיךְ פִירְן אַז עֶמִיצֶער הָאט נִשְׁט גוּט גֶעפִילְט, הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסֶעלֶע מָאטְרִין אָדֶער טֵיילֶענָאל קוֹדֶם אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי שְׁמֶערְצְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסְל וֵויטַאמִינֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֵוייטַאמִין סִי אָדֶער דִי, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז ס'זָאל אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע פַּארְקִילֶעכְץ וְכַדוֹמֶה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַ שִׂיחָה אִין סֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל אַז מְ'זָאל נִשְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אַז דִי דָאקְטוֹרִים דִי שְׁלוּחִים פוּנְ'ם מַלְאַךְ הַמָוֶת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַז דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. אוֹיךְ שְׁטֵייט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "וֶוען מְ'אִיז גֶעזוּנְט דַארְף מֶען טוּן אוּן טוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן וֶוען מְ'אִיז נִשְׁט גֶעזוּנְט לֵייגְט מֶען אַוֶועק דֶעם שֶׁער אוּן אַייזְן", וָואס פוּן דֶעם זֶעט אוֹיס אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי קְרֶענְק שְׁטֶערְט צוּ עֲבוֹדַת ה', זָאל מֶען אוֹיךְ נִשְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אוּן אוֹיךְ נִשְׁט נֶעמֶען קֵיין רְפוּאוֹת.

פוּן דֶעם זֶע אִיךְ אַז מְ'טָאר נִשְׁט נֶעמֶען קֵיין וֵויטַאמִינֶען, אוּן זִיכֶער נִשְׁט קֵיין טֵיילֶענָאל אוּן מָאטְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן וָואס אוּן וִויאַזוֹי מֶען מֶעג יָא נֶעמֶען רְפוּאוֹת, אוּן וֶוען מְ'טָאר נִשְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן דָאקְטוֹרִים וְכוּ׳; אָבֶּער פוּן רֶבִּינְ׳ס צֵייטְן בִּיז הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט דִי וֶועג אוּן מִיטְלֶען פוּן רְפוּאוֹת וִוי פוּן הִימְל בִּיזְ׳ן עֶרְד, דִי רְפוּאוֹת הַיינְט זֶענֶען זֵייעֶר פָארְגֶעשְׁרִיטְן אוּן הַיינְטִיגֶע דָאקְטוֹרִים זֶענֶען נִשְׁט דִי דָאקְטוֹרִים פוּן אַמָאל. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּם גְרֶעסְטֶען
~~~~~~~~~~~

דָאקְטֶער, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן פוּן נֶעמֶען רְפוּאוֹת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אוּן גֶעבְּן צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ג) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן וְכוּ׳ זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן מֶען זָאל מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.): "בְּשָׁעָה שֶׁמְּשַׁגְּרִין יִסּוּרִין עַל הָאָדָם, מַשְׁבִּיעִין אוֹתָן שֶׁלֹּא תֵּלְכוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וְלֹא תֵּצְאוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וּבְשָׁעָה פְּלוֹנִית, וְעַל יְדֵי פְּלוֹנִי, וְעַל יְדֵי סַם פְּלוֹנִי", וֶוען מֶען שִׁיקְט יְסוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאשְׁוֶוערְט מֶען דִי יְסוּרִים וֶוען זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ וֶועלְכֶע דָאקְטֶער אוּן דוּרְךְ וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין וְכוּ׳ עֶס זָאל אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, נוּ אוֹיבּ אַזוֹי פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי - ווִי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר אִיז בִּכְלַל דֶער דָאקְטֶער וָואס מֶען הָאט בַּאשְׁווָאוֹירְן אִים אוֹיס צוּ הֵיילְן, אוּן ווִי אַזוֹי קֶען דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּן אַ מֶעדֶעצִין וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער סַם וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַארְ'ן חוֹלֶה וְכוּ׳? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל זָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם דָאקְטֶער, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער דָאקְטֶער אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קַיין דָאקְטוֹרִים אוּן צוּ קַיין רְפוּאוֹת, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט קָאפּ וֵוייטָאג זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נֶעמֶען טֵיילֶענָאל וְכַדוֹמֶה.

...

~~~~~~~~~~~

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיין, אָדֶער נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' אִין כּוֹלֵל, אוּן אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. פַארְגַאנְגֶענֶעם זְמַן הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַ חַבְרוּתָא, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶס אָבֶּער אוֹיסְגֶעזֶען מַמָּשׁ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט עֶס אַרָאפּ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, הָאט מַיין חַבְרוּתָא נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד, וְחוֹזֵר חָלִילָה.
~~~~~~~~~~~

איך האב שוין געטראכט אסאך מאל אנצוהויבן אליין לערנען שלחן ערוך, איך ווייס אבער נישט צי אויף דעם גייט ארויף דער פסוק "חרב אל הבדים ונואלו", אז מ'זאל נישט לערנען אליין. אבער פון די אנדערע זייט לערן איך דאך מיינע שיעורים אויפ'ן דרך הלימוד אויך אליין.

אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר זאגן ווען מ'מעג יא לערנען אליין, און ווען מ'דארף לערנען מיט א חברותא?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ נ, לו): ״חֶרֶב״ עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, ״אֶל הַבַּדִּים״ - אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן קַיין חַבְרוּתָא; ״וְנֹאָלוּ״ מֶען וֶוערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד וֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חַזַ״ל וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חָבֵר נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט גְרַייזְן, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חָבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט אַ חָבֵר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): ״כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים״, וֶוער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַּחֲלֵי רְתָמִים.

דֶערִיבֶּער אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּה עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ״ךְ, מִשְׁנַיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. רוֹב גְּדוֹלִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְּדוֹלִים וְצַדִּיקִים דוּרְךְ לֶערְנֶען אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל בַּיי פַארְבְּרֶענְגֶענְס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוין אִין יְרוּשָׁלַיִם, און אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים און שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און אִיךְ פְּרוּבִּיר עֶס צוּ גֶעבְּן אוֹיךְ וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְגֵיין דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּן אָנְהוֹיבּ, און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען קֵיין אַלְקָאהָאל. ווייל אִיךְ ווֵיסְן אַזוֹי וִוי בַּיי אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז מְ'קוּמְט זִיךְ צוּזַאם פַארְבְּרֶענְגֶען אוּם יוֹם טוֹב און אִין אַנְדֶערֶע סְפֶּעצְיֶעלֶע צֵייטְן, און מְ'טְרִינְקְט בְּרוֹינְפְּן, און מְ'שְׁמוּעֶסְט און מְ'אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער אִיךְ טְרִינְק קֵיינְמָאל נִישְׁט, נָאר בַּיי דִי פַארְבְּרֶענְגֶענְס, און דֶעמָאלְטְס גֵיי אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי גְלֵייזְן, פַארְקֶערְט אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מֶער דֶערְהוֹיבְּן און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן מֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וְכַדּוֹמֶה. ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרַיין אִין דֶעם כְּלַל אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, אָדֶער אִיז דָאס גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלִירְן זִיךְ פוּן אַבִּיסְל אַלְקָאהָאל און טוּעֶן נָאכְדֶעם נַארִישְׁקַייטְן.

אִיךְ מוּז זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִזוּק, און פַאר אוּנְזֶער נַייעֶ חַבוּרָה דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כו) ווייל טְרִינְקֶען בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַ גַאנְצֶע עֶרֶךְ פוּן דִי הַארְבְּקֵייט און עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן אַ שִׁיכּוֹר; וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׁכְרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוער עֶס טְרִינְקְט נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג): "אִי אֶפְשַׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס וֶוען מֶען שִׁיכּוֹרְ'ט זִיךְ אָן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר קֵיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז נָאכ'ן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט פַּארְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב) אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן גֶעוָואלְט אָנְטְרָאגְן זֵייעֶר מַלְכָּה - דִי וַוייבּ פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ - פַּאר דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ', אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט דָאס צוּ רֶעדְן פַּאר'ן מַלְכָּה וְכוּ', הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען רֶעדְן פוּנֶעם שִׁידוּךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרִינְקֶען הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶעם שִׁידוּךְ פַּאר'ן דָאקְטֶער, הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַ אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל", עַיֵּין שָׁם; אִין דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט מַמָּשׁ וָואס דוּ זָאגְסְט, מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן אָפְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן דֶעמָאלְט רֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, מַמָּשׁ מֶען זֶעט שִׁיכּוֹרִים שְׁרֵייעֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ!" אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַ אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל", עֶס אִיז הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים אָבֶּער אִיךְ ווִיל דָאס הֶערְן מִיט אַ טְרִיקֶענֶעם מוֹיל נִישְׁט אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶערְהֵייט.

עֶנְדֶערְשׁ טְרִינְק זִיךְ אָן מִיט אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דִי יַיִן הַמְשׁוּמָּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט גֶעטְרִינְקֶען אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַּארְנַארְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## הָאבּ אִיךְ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז אִיךְ פַאל נָאךְ אַרָאפּ, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֵיינְט דָאס אַז בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה נָאר וֶוען מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט צוּבְּיסְלֶעךְ פַארְלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה. דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, נָאר עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט; דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַמָּשׁ בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים.

בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן נִאוּף וְכוּ׳ אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס פַארְשְׁטָאפְּן דָאס הַארְץ וְכוּ׳ דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר פוּל מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ׳ אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דִי פָּשׁוּט׳עֶ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת; אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְּלָן.

דִי עֵצָה אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי אֱמוּנָה אִיז דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה; אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם. דֶערְפַאר, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: ׳מִיט מַיין מוֹיל פַארְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, "הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - דָאס אַלֵיין אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" זָאל מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: "יָא", נָאר: "מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶערְט מֶען: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אַזוֹי בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

אֵיינְמָאל מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ; מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען לֶעבְּט מַמָּשׁ אַ לֶעבְּן אִין גַּן עֵדֶן. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ

שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים". בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקֶר אֱמוּנָה אָן חֲקִירוֹת אוּן אָן חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשֶׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

זֶע צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִינְג דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; אַלְץ בָּחוּר הָאט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער. עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ'דִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט, מְחַזֵּק צוּ זַיין אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן אִיךְ צְווייפְל נִישְׁט אַז אִיר זַייט
~~~~~~~~~~

איך הָאב גֶעוואָלְט וויסְן אויב מְ'מֶעג זָאגְן חזוק פַאר אַ מַאמֶע. מַיין מַאמֶע רֶעדְט זיך אַסַאך מָאל אָפּ צוּ מִיר, און איך בְּלַייב שְׁטִיל ווייל איך ווייס נִישְׁט אויב ס'איז דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זָאגְן חזוק און אֱמוּנָה פַאר אַ מַאמֶע, ס'קֶען אויסְזֶען ווי איך בִּין איר גָאר מְחַנֵּךְ.

וֶוען אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ ווָאלְט זיך אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מִיר, ווָאלְט איך אִים פְּרוּבִּירְט מְחַזֵּק צוּ זַיין, אָבֶער צוּ מַיין מַאמֶע ווייס איך נִישְׁט אויב איך מֶעג דָאס טוּן, און דָאס מֶערְסְטֶע ווָאס איך זָאג אִיר אִיז נָאר "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן".

אויך הָאב איך גֶעוואָלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווי מַיין זוּן וֶוערְט בָּרוּךְ ה' דְרֵיי יָאר אין דִי דְרֵיי וָואכְן, וויל איך וויסְן ווי אַזוֹי זיך צוּ פִירְן לְגַבֵּי דִי אָפְּשֶׁערְן, קַאפְּל, צִיצִית, און טְרָאגְן אִין חֵדֶר.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייך גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע און גְרִינְגֶע אֱמוּנָה אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט מְחַזֵּק זַיין דַיין מַאמֶע תִּחְיֶ'; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַאפְן, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי טַאטֶע און מַאמֶע; אַז דַיין מַאמֶע רֶעדְט זיך אוֹיס און זִי קְרֶעכְצְט צוּ דִיר, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן און אִיר מְחַזֵּק זַיין. דֶערְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דֶערְצֵייל אִיר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים און דֶערְצֵייל אִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס זִי אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין דַוְקָא פוּן רֶבִּי'ן און צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט דָאס אַרַיין גֵיין אִין אִיר און זִי וֶועט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד און מַאכְן פֵּיאוֹת אִין דִי דְרֵיי וָואכְן; עַל פִּי הֲלָכָה קֶען מֶען אָפְּשֶׁערְן אַ קִינְד וֶוען עֶר וֶוערְט דְרֵיי יָאר אַלְט אֲפִילוּ אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, און אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ.

מֶען פִירְט זִיךְ אַז אִינֶעם טָאג וָואס מֶען שֶׁערְט אָפּ דָאס קִינְד און מֶען מַאכְט אִים דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת זָאל עֶר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; דֶערְפַאר ווִיקְלְט מֶען אִים אַיין אִין אַ טַלִּית וֶוען מֶען טְרָאגְט אִים אִין חֵדֶר לֶעקְן דִי הָאנִיג כְּדֵי עֶר זָאל

נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט מֶען אִים אִין שְׁטוּב אַ גַאנְצְן טָאג אַז עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עִיקֶר; דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד אוּן דוּ גֵייסְט אִים אָפְּשֶׁערְן וִוי אַ אִיד אוּן אִים מַאכְן פֵּיאוֹת וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקֶר פוּן אַ אִיד אוּן אַן עִיקֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד.

זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים בִּיז אַהֶער אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער - פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

"גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים"; כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? דוּרְכְדֶעם וָואס יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֵפִיץ זַיין דִי גִּלְיוֹנוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט פַּארְדִינֶען מֶער גֶעלְט אוּן גְרִינְגֶער אַרְבֶּעטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין פְּרַאגֶע וָואס צוּ טוּן, אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי נַייעֶ אַרְבֶּעט; נֶעם דִיר דֶעם כְּלַל אִין לֶעבְּן: "קוּק שְׁטֶענְדִיג אוֹיף וָואס עֶס אִיז גוּט פַּאר דִיר".

בְּנוֹגֵעַ הַפָּצָה וְכוּ'; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיין לֵייגְן מֵפִיץ צוּ זַיין דִי גִלְיוֹנוֹת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט דֶעם 'גִּלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ' וֶועט דָאס אִים שׁוֹין טְרָאגְן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע סְפָרִים; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַרַיין לֵייגְן כּוֹחוֹת מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים צוּ פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִלְיוֹנוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**בַּאשֵׁיינֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לִכְבוֹד חַג הַשָּׁבוּעוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְהַאלְטְן מִיט דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַלֶע יָארְן גֶעהַאט, דִי זְכִיָה צוּ בַּאצִירְן אוּן בַּאשֵׁיינֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לְכָבוֹד חַג הַשָּׁבוּעוֹת; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר צִי דוּ וֶועסְט דָאס וַוייטֶער טוּן אוֹיךְ הֵיי יָאר.

אִין זְכוּת פוּן בַּאשֵׁיינֶען אוּן בַּאצִירְן דֶעם רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

גֶעדֶענְק, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר טוּעֶן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אַ נִצְחִיּוּת; אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיי מְחַזֵּק דַיין בְּרוּדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מְחַזֵּק זַיין דַיין בְּרוּדֶער ... עֶר זָאל הָאבְּן מֶער שַׁיְיכוּת מִיט זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אוּן אִיךְ הֶער גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן - אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע פוּן אוּנְז. אָבֶּער הֱיוֹת עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מֶער מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים וּבִפְרַט מִיט זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶוערְט עֶר אַיינְגֶעגֶעסְן וְכוּ'. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל רוּפְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אוּן אַז עֶר קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען זָאל עֶר פְּרוּבִּירְן נָאכְמָאל צוּ רוּפְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; עֶס אִיז "דַיין" אַרְבֶּעט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ חַיּוּת אִין דַיין שְׁטוּבּ, וַוארְט נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל עֶס טוּן. הֵייבּ אוֹיף דִי מוּט פוּן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; טַאנְץ יֶעדְן טָאג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל דֶער עִיקָר אוּן דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז אַז עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט מוּטִיג וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

טֵייעֶרְער ..., אִיךְ בֶּעט דִיר הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. אִיךְ שֶׁעפּ פוּן דִיר אַזוֹיפִיל נַחַת, פוּן דַיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן בְּעִיקָר פוּן דַיין שֵׁיינֶע חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּב וָואס דוּ בּוֹיסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דִיר עֶנְג אִין פַּרְנָסָה בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; אַנְטְלוֹיף נִישְׁט... נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע... זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן.

יֶעצְט וֶוען עֶס קְוֶועטְשְׁט דִיר וְכוּ' גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן גֶעבּ אַ גוּטֶע קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "טַאטֶע! עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער! אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער", וְכוּ', וְכוּ'; מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ גֶעבְּן אַ שָׁאקְל אַלֶע הִימְלֶען...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, גֵיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא: לָמָּה נִסְמְכוּ אֹהָלִים לִנְחָלִים וכו'? לוֹמַר לָךְ: מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה, אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין טַייךְ וֶוערְט עֶר רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בְּלוּמִינְג גְרָאוו, אִיז צוּגֶעקוּמֶען דַיין בְּרוּדֶער זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי דְרָשׁוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת; עֶר זָאגְט מִיר אַז דָאס אִיז פַאר
~~~~~~~~~~~

אִים וִוי אָטֶעמֶען. זֶעט מֶען וִוי צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט אַרַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים מֶער אוּן מֶער אִין דִי וֶועלְט.

אַז דוּ שְׁטֵייסְט אִין גֶעשֶׁעפְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט, עֶס הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען דִי תַּאֲווֹת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זָאלְסְטוּ דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן, זָאג אַרוֹיס: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רַאטֶעוֶוע מִיר!" "אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט!" דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִינְגַאנְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע שַׁבָּת; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין בַּיי דִיר אוֹיף שַׁבָּת.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַ גַאסְט אוֹיף אַ וַוייל זֶעט אוֹיף אַ מַייל"; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אֵשֶׁת חַיִל מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - קַיין עַיִן הָרַע; אִיךְ הָאף אַז דוּ שֶׁעצְט אוּן בִּיסְט מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", זַייטְס מְכַבֵּד עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: "שְׁטַארְק זִיךְ", "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; הָאבּ שַׁיְיכוּת מִיט דִי חֲבֵרִים פוּן בְּלוּמִינְג גְרָאוו, זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרֶער יוּנְגֶעלַייט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט שַׁבָּת; עֶס הֶערְשְׁט אַ רֵיינֶע לוּפְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

הַאלְט פַאר דַיינֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דִיר גֶעזָאגְט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט וְכוּ': "אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ הָאבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן"; קוּק וִוי עֶס וֶוערְט נָאר שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**דִי תַּלְמִידִים זָאלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ״ח אִיָר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְּרֵייליךְ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּקְן אוּן זֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, פַארְוָואס דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין דַיין גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וְכוּ׳.

זַיי פְּרֵייליךְ אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס אוּן בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן שְׁפֶּעטֶער; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְּרֵייליכֶער אִיד אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּב. זַיין וַוייבּ פְּלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: ״אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְּרֵייליךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!״ פְּלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: ״דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט הָאבְּן מִיר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף צוּ זַיין יֶעצְט פְּרֵייליךְ״.

דֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בְּלוּמִינְגְרַאוו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט אַלֶע תְּפִילוֹת אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט אַן אֲוִיר הַנַחַ וְהָנָח, אַ רֵיינֶע לוּפְט; אַלֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, קֵיינֶער גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן צְוֵוייטְן; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אֱמֶת׳עֶ עוֹנֶג שַׁבָּת צוּ זַיין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים.

מֶען זֶעט מַמָשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ.

בַּיי מִיר אִיז דָאס יֶעצְט דֶער עִיקָר; אִיךְ זֶע ווִי דֶער ס״מ פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּנְז צוּ צֶעבְּרֶעכְן, עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעשָׁאסְן זֵייעֶר אַסַאךְ קוֹילְן אוֹיף אוּנְז, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ גֵיין פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג (הָיָה לֹא תִּהְיֶה, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט גֵיין). מִיר דַארְפְן
~~~~~~~~~~~

זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט לֵיצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ צְוִוישְׁן אוּנְז וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז לֵיצָנוּת אִיז 'אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה'; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וִוי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַּמֵא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל קֶענֶען אַוֶועק גֵיין, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאבְּן חַזַ"ל אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ, אוּן עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מְמֵילָא אַרָאפּ רַחְמָנָא לִצְלָן אִין עֲבֵירוֹת.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן"; דִי וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אוּן זִיךְ מִתְוַכֵּחַ גֶעוֶוען זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועק גֶעפַאלְן. דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, אֲפִילוּ פוּן דִי מַה שֶׁקּוֹרִין "הֵיימִי"ש" וְכוּ'; לֵיצָנוּת אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען (פְּסָחִים קיב:) אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז, אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'.

לֵיצָנוּת אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע זַאךְ אוּן עֶס פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סִפְרֵי מוּסָר (שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, מַסֶּכֶת יוֹמָא, פֶּרֶק דֶּרֶךְ חַיִּים וְתוֹכַחַת מוּסָר): "לֵיצָנוּת אַחַת דוֹחֶה מֵאָה תּוֹכָחוֹת", אֵיין לֵיצָנוּת נֶעמְט אַוֶועק הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער מְסִילַּת יְשָׁרִים (מְסִילַּת יְשָׁרִים, פֶּרֶק ה) אַז לֵיצָנוּת אִיז וִוי אַ פַּאנְצֶער קֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם; פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער קֶען מֶען אִים נִישְׁט שִׁיסְן - דִי פַאלְן גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין אִים, אַזוֹי אִיז לֵיצָנוּת אַ פַּאנְצֶער אַנְטְקֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט לֵצִים אוּן גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס בִּיז אַהֶער אַז עֶר זָאל מִיר וַוייטֶער הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, מִיר זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס אִיז וָואס מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן און זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז, דָאס אִיז וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"ש און אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין - אַז עֶס זָאל זַיין דָא בַּיי אוּנְז רֵיינֶע ד' אַמּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוער אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל? דֶער אִיד וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים; דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאלְן, דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל? דֶער אִיד וָואס גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, און אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ' בְּלַייבְּט עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דָאס וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ יֶעצְט וְכוּ' - דָאס וֶועט פַארְבַּיי גֵיין; גֵיי אַבִּיסְל הַפָּצָה, גֵיי בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אָדֶער צוּ נֶעמֶען אַ פָּשׁוּט'ע אַרְבֶּעט וְכוּ', אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט און מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט"; אִין אַזַא פַאל וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם" - אַ רָשָׁע בָּארְגְט און בַּאצָאלְט נִישְׁט (תְּהִלִּים לז, כא). גֵיי נָאךְ גֶעלְט און בַּאצָאל צוּבִּיסְלִיךְ, וַוארְט נִישְׁט וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צוּ בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע חוֹב אוֹיף אֵיין מָאל. אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג אִין גְרָאסֶערִי וְכַדוֹמֶה אַ גְרוֹיסֶער חוֹב, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, נָאר לֵייג אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן אַ פִינְפֶער, אַ צֶענֶער, אַ צְוָואנְצִיגֶער - וִויפִיל דוּ הָאסְט אִין טַאשׁ, וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אָפְּצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.
~~~~~~~~~~~

אַז דוּ פְּלַאנְסְט צוּ זַיין אוּן אוּמַאן בַּיי אוּנְז צוּזַאמֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט שׁוֹין יֶעצְט בַּאצָאלְן פַאר דַיין בֶּעט (עַל כָּל פָּנִים זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן...) אַזוֹי וֶועלְן מִיר וִויסְן וִויפִיל שְׁטוּבֶּער עֶס פֶעלְט אוֹיס אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; מִיר ווילְן נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן שְׁטוּבֶּער וָואס וֶועט נִישְׁט גֶענוּצְט וֶוערְן דִי יָאר, אוּן דָאס קֶענֶען מִיר נָאר וִויסְן אוֹיבּ דִי וָואס ווילְן קוּמֶען שְׁרַייבְּן זִיךְ שׁוֹין אַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ב' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ט אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן דִי בְּלוּט קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם הַארְץ, דַאן זוּכְט מֶען אַ גוּטְן דָאקְטֶער וָואס קֶען אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט כַאפְּן אַן הַארְץ אַטַאקֶע חַס וְשָׁלוֹם, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אוֹיסְהֵיילְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים: "יוּנְגֶערְמַאן, חַזֵר אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ווייל צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶע'חַזֶר'ט אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערִים אִין קֶבֶר נִישְׁט צוּ קוּמֶען", נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תִּיקוּן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם.
~~~~~~~~~~

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַשֶׁר בַּנַּחַל; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אוֹיף אַ פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ. אַזוֹי וִוי מֶען צֶעדְרִיקְט אַן עֶפְּל פַאר אַ קִינְד וָואס קֶען נָאךְ נִישְׁט עֶסְן קַיין גַאנְצֶע עֶפְּל, אַזוֹי הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעטוּן - צֶעדְרִיקְט און צֶערִיבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת וְכוּ', כְּדֵי אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין און לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַּאלְן און צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריְקַייטְן; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רַאטֶעוֶועט דָאס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבַּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה וֶועסְטוּ קֶענֶען לוֹחֵם זַיין מִיט דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ תַּאֲוַת נִאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", און: "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און גֶעבְּן מִיר - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועֶן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט וִוי עֶר אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה רַחְמָנָא לִצְלָן זָאל עֶר וֵויינֶען בְּשָׁעַת עֶר זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים און דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶועֶן פוּן דִי סַכָּנָה; וַוייל וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, רַאטֶעוֶועט דָאס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הִיטְן פוּן וֶוערְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִי בִּיטֶערֶע תַּאֲוָה; שְׁרַייבּ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְרוּפֶּעס וואוּ מֶען קֶען זֶען אָפֶּענֶע נִאוּף.
~~~~~~~~~~~

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא", הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן הַאק אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְשָׁרִים פוּן עֲבֵירוֹת. זוּךְ דִיר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וָואס זֵייעֶר עִיקָר דִיבּוּרִים אִיז פוּן הִתְחַזְּקוּת אוּן עֵצוֹת אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ!

...

~~~~~~~~~~~

**וַוארְף אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ הָאסְט שְׁטִילֶערְהֵייט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַ וְכוּ' אוֹיף וָואס דוּ קֶענְסְט קוּקְן מָאוִויס; דוּ וֶוערְסְט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם גַאנְצֶע נֶעכְט אוּן דוּ פַארְבְּרֶענְסְט זִיךְ דַיין רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מֹחַ-מַחְשָׁבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער תַּלְמִיד, וַוארְף אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת. אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; דוּ בִּיסְט פוּל מִיט חֵן, דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. אַ שָׁאד אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען פַאר דִיר דֶעם נִישְׁט גוּטְ'ן וֶועג.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ לְטוֹבָה, דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן בְּזֶה וּבְבָא.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער כּוֹלֵל אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי נַחַת אוּן פְרֵייד וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ קוּק אַרַיין אִין כּוֹלֵל אוּן אִיךְ זֶע וִוי אִיר לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

צוּמָאל גֵיי אִיךְ אַרוֹיף אִינְמִיטְן טָאג נָאר צוּ כַאפְּן אַ בְּלִיק אוּן זִיךְ אָנְפוּלְן מִיט נַחַת, נָאכְ'ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן וְכוּ', - עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ עוֹסֵק זַיין מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען פָּשׁוּט אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען; דִי יְשִׁיבָה דִי בָּחוּרִים, תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית פֵיגֶא, וְעַל כּוּלָם יוּנְגֶעלַייט, שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', וְכוּ' אִיז דֶער כּוֹלֵל מַיין גַאנְצֶע נַחַת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין מַיינֶע זוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר וְאָחִיו הַבָּחוּר ... זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג גְמָרָא וַהֲלָכָה; טוּט מִיט מִיר דֶעם חֶסֶד וֶועל אִיךְ דִיר שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם הֶכְשֵׁר וְכוּ'; ... הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען דֶעם גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס הָאט מֶער נִישְׁט מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר נֶעמְט אַ צְוֵוייטֶע הֶכְשֵׁר, דַארְפְן מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן דָארְט דֶעם הֶכְשֵׁר.

אִיךְ הָאף אַז דֶעם זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים הֲלָכָה; עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**יֶעדֶער הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט מְסוּדָר אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן יְשִׁיבָה.

בָּרוּךְ ה' גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְפִירְט; יֶעדֶע בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ דָא דוּרְכְגֶעדְרֵייט הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גֶעעֶנְדִיגְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; דוּ אַלֵיינְס הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת כַּמָה פְּעָמִים, אוּן כַּמָה מַסֶכְתּוֹת הַשַּׁ"ס.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ זֶע אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט לֶעצְטְנְס אִין יְשִׁיבָה, דִי גַאס זֶעט דִיר אוֹיס מֶער "גְלַאנְצִיג אוּן בְּלִיטְשְׁקֶעדִיג"; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה וואוּ מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אָדֶער כָאטְשִׁיג אַרוֹיפְקוּמֶען מִפַּעַם לְפַעַם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת ה'.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' וואוּ זִי שְׁרַייבְּט אַז אִיר לֶעבְּן אִיז אַזוֹי זִיס, מַמָּשׁ זִי לֶעבְּט אִין "גַן עֵדֶן"; זִי שְׁרַייבְּט וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, פוּן דַיינֶע מִידוֹת אוּן פוּן דַיין לֶערְנֶען, אַז כְּסֵדֶר מַאכְסְטוּ סִיוּמִים...

גֶעבּ אִיר אִיבֶּער אַז זִי הָאט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען; עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ הֶערְן עֶפֶּעס גוּטֶע נַייעֶס נָאכְ'ן זִיצְן טָאג אוּן נַאכְט אוּן הֶערְן צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת ה'; בַּאנֵיי זִיךְ אִין הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּט'ע שְׁפְּרַאךְ. דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע יוּנְגֶעלַייט אַז מִיר הֵייבְּן אָן אַ שִׁיעוּר סְפֶּעצִיעֶל פַאר תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה וָואס זֶענֶען אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה וְכוּ', אִיךְ וֶועל דִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן וֶוען דָאס וֶועט זַיין אוּן דוּ וֶועסְט זַיין מְמוּנֶה דָאס צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זֵיי אַלֶע.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ נוּצְט נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וֶוען דוּ נוּצְט וֶוען דִי עֵצָה וָואלְט דִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער גֶעוֶוען דַיין לֶעבְּן. פְּרוּבִּיר אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר אַלֶעס גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ אִין אָנְהֵייבּ פוּן מַיין הִתְקַרְבוּת, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוֹיף יִשׁוּב הַדַעַת; אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר מְבוּלְבָּל וְכוּ', הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף מִינוּט", (מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְף פִינְגֶערְס) "רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף מִינוּט וֶועסְטוּ הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת אָוֶן דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין מְבוּלְבָּל", וְכוּ'. בְּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ זַ"ל אִיז אָנְוֶועזְנְד גֶעוֶוען אִין צִימֶער אֵיינֶער פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ מִיר: "מוֹהֲרָא"שׁ מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן דָא פִינְף מִינוּט, דַארְט פִינְף מִינוּט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶועט וֶוערְן דֶערְפוּן אַ שָׁעָה", רוּפְט זִיךְ אָן מוֹהֲרָא"שׁ זַ"ל: "נֵיין, נֵיין! 'רֶעד פִינְף מִינוּט' וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ: פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת, אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ'", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.

לָאז שׁוֹין אָפּ מִיט דַיין עַקְשָׁנוּת וְכוּ'; גֶעדֶענְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית כא, יב): "כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ", וָואס שָׂרָה וֶועט דִיר זָאגְן זָאלְסְטוּ טוּן; דַיין וַוייבּ וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דִיר זֵייעֶר גוּט, בֶּעסֶער וִוי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט זִיךְ אַלֵיין, וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִיפִיל הָאר מֶעג מֶען אִיבֶּערְלָאזְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.
~~~~~~~~~~~

קוֹדֶם כָּל וויל אִיךְ אַייךְ וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָּל טוֹב פַאר אֵייעֶר שִׁידוּךְ; אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַ בָּחוּר אַ בַּעַל מִידוֹת אוּן אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.

אֵייעֶר חָתָן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אֵייעֶר נָאמֶען, אַז וֶוען מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ נָאךְ דִי חֲתוּנָּה אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֶׁערְן אָדֶער מֶען קֶען אִיבֶּערְלָאזְן אַבִּיסְל הָאר אִין פָּארְנְט; וויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען גֶעוְוּיסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי שְׂכַר פוּן אַ פְּרוּי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן אִיר הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָּה וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם סָפֵק אִין דֶעם, נָאר אַדְרַבָּה, אִיר וָואלְט גֶעוַוארְט אוֹיף דִי מִינוּט וֶוען אִיר וֶועט קֶענֶען טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוּי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוּי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּב. 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער ס"מ אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָּא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְּרוּי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז אַ פְּרוּי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִיר הָאר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין אַז אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין חָשׁוּב'עֶ מֶענְטְשְׁן; זִי וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן אִין אִיר שְׁטוּב אוּן צוּ בְּרָכוֹת אָן אַ שִׁיעוּר. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יא.): "מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה מִמִּדַּת פֻּרְעָנוּת", וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גוּטְס אִיז עֶס פִיל מֶער ווי שְׁלֶעכְטְס, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְּרוּי וָואס טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס אִין אִיר לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו בִּשְׁעַת אֵייעֶר חָתָן נֵרוֹ יָאִיר שְׁטֵייט דָא; עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר דַארְף 'דִיר אַלֵיינְס' עֶר דַארְף נִישְׁט אֵייעֶר הָאר אוּן עֶר וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט אַלֶע יָארְן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ כַּלָּה וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן ווי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ טוּן; וואוּיל אִיז אַייךְ אַז

אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ חָתָן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וִויל פָּאלְגְן וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, עֶר וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב אוֹיף דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מ׳דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ יְשׁוּעוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין עֶסְן מִילְכִיגְס; דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק אַ בְּרִיוו אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶסְן מִילְכִיגְס [זֶע דִי בְּרִיוו צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אוּן יֶעצְט זֶעסְטוּ אַז וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא דֶעמָאלְט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען בַּאקוּמְט יְשׁוּעוֹת.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען - מִשְׁנַיּוֹת אָדֶער גְּמָרָא; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר וָואס יֶעדֶע תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה דַארְף לֶערְנֶען, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר דַּפִּים גְּמָרָא, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט גְּמָרָא זָאלְסְטוּ מַזְכִּיר זַיין פַאר דֶעם מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס נָאמֶען; מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פוּן שְׁפִּיטָאל - מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת - פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן יַבְנִיאֵל אוּן פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה וואוּ עֶר בֶּעט אַז מֶען זָאל מַזְכִּיר זַיין זַיין נָאמֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט.

דָא קֶענְסְטוּ זֶען דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פַאר׳ן הִסְתַּלְקוּת:

*בעזה״י יוֹם ה׳ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט״ז בִּשְׁבַט ה׳תשע״ה.*

*שָׁלוֹם וּבְרָכָה לְיוֹנְקֵי הַצֹּאן הַתַּלְמִידִים הַיְקָרִים אֶצְלִי אֵלוּ שֶׁלּוֹמְדִים בְּמִסְגֶּרֶת ״הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ״ בְּ״בֵית מְנַחֵם״ וְכֵן בְּ״בֵית שְׁלֹמֹה״ וּבְ״תִפְאֶרֶת הַתּוֹרָה״.*
~~~~~~~~~~

*אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אוֹיבּ אִיר ווִילט עֶפֶּעס טוּן פַאר מַיין זְכוּת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא גְמָרָא אִיר ווִילְט, אוּן אִיר זָאלְט דָאס אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.*

*אִיר זָאלְט מַזְכִּיר זַיין מַיין נָאמֶען וֶוען אִיר לֶערְנְט דִי מַסֶכְתָּא, אוּן אִיר קֶענְט אַייךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי הוֹיךְ אִיר וֶועט מִיר אוֹיפְהֵייבְּן מִיט דֶעם.*

*אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַבֶר׳ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְכֶע גְלִיטְשְׁן לַיידֶער אַוֶועק. אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, אִיר זָאלְט דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דָארְטְן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם. אִיךְ וֶועל הֶערְן וָואס אִיר זֶענְט מִתְפַּלֵל, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אַייךְ צוּ הֶעלְפְן אוֹיבְן אִין הִימְל.*

*אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוֹיבְן אִין הִימְל.*

*אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה.*

צוּם עֶרְשְׁט וֶוען מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי בְּרִיוו הָאט מוֹהַרָא״שׁ נָאר גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי תַּלְמִידִים פוּן דִי יְשִׁיבָה אִין יַבְנִיאֵל; אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מוֹהַרָא״שׁ זָאל פַאר אוּנְז אוֹיךְ שְׁרַייבְּן - פַאר דִי בָּחוּרִים בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ מוֹהַרָא״שׁ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם יוּנְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעטַייפְּט דֶעם בְּרִיוו דָארְט אִין צִימֶער אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאךְ אַ יְשִׁיבָה, לֵייג צוּ וּבְתִפְאֶרֶת הַתּוֹרָה״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ וֶועגְן מַיינֶע עֶלֶעדְזְשִׁיס, וואוּ גֵייעֶן אַלֶע תְּפִלּוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַלֶערְזְשִׁיק צוּ מִילְכִיגְס, אוּן אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער ווִי מַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט, עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיר יָא אוֹיס.
~~~~~~~~~~~

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

טוּ וָואס ר' נָתָן הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט; דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; דַאנְק אִים אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים אַז דוּ קֶענְסְט עֶסְן פְלֵייש אוּן פִישׁ; וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן נָאר דוּרְךְ אִינְטֶערְוִוינֶעס - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר אוּן לוֹיבְּט מִיר, לָאמִיר אִים גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס".

אַ אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן: "מַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט"; קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, נָאר יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב): "וְיֵשׁ מֵעִמָּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילּוֹת הֵם לָרִיק", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן מֵיינֶען אַז אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט גֵייט צוּ דִי לוּפְט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילּוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַלֶע תְּפִילוֹת גֵיין אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, אוּן אַנְשְׁטָאט נָאר בֶּעטְן, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט יָא עֶסְן - וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

**זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז אִיךְ קֶען עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן. יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין שְׁפִּיטָאל בַּאהָאפְטְן צוּ אִינְטֶערְוִוינֶעס; מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי גוּט, וִויפִיל אִיךְ**

וֶועל דִיר דַאנְקֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן דִיר צוּ דַאנְקֶען אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶסְן אַלֶע סָארְט עֶסְן, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס אוּן עֶס זָאל נִישְׁט שַׁאטְן פַאר מַיין גֶעזוּנְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת, בַּאוַוייז דִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן ווִי מַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען", אַזוֹי זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין עֶסְן מִילְכִיגְס.

...

[~~~~~~~~~~~

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע הוֹצָאוֹת הַבִּנְיָן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה וִויל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ לֶערְנֶען, דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע הוֹצָאוֹת הַבִּנְיָן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְט מִיר אַ גַאַראנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אַ גַאַראנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַאַראנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים, עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", דָאס זֶענֶען גוּטֶע גַאַראנְטִיס, בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּמֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פַּאר אַ גַאַראַנְטִי אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה; דַאנְק אִיךְ דִיר פַּאר'ן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ דֶעקְן דִי רֶענְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי חֶדֶר, יְשִׁיבָה אוּן מֵיידְל סְקוּל.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

מְ'וֶועט אִם יִרְצֶה ה' צֶעטֵיילְן דִי קְלַאס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת אַ בְּרִיוו, סֵיי פַּאר אַייךְ אוּן אוֹיךְ פַּאר דִי תַּלְמִידוֹת, אָבֶּער וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ'; זִי ווִיל אוּן הָאפְּט אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער הֶעלְפְן דִי סְקוּל אָנְגְרֵייטְן דִי לִימוּדִים, זִי זָאגְט אַז אַייעֶר אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן ווִיכְטִיג פַּאר דִי מוֹסָד. מִיר הָאפְן אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע יָאר.

בְּנוֹגֵעַ צֶעטֵיילְן דִי קְלַאס וְכוּ'; אִם יִרְצֶה ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועט מֶען עֶס צֶעטֵיילְן. יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן דֶעם אֱמֶת'ן טַעַם פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צֶעטֵיילְט דִי קְלַאס דָאס יָאר - תשע"ט וֶוען אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעזָאגְט אָנְהֵייבּ יָאר אַז מֶען גֵייט עֶס צֶעטֵיילְן וְכוּ'. דֶער סִיבָּה אִיז אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת הֵייבְּן אָן אוּנְטֶערְגְרָאבְּן וְכוּ' (הָיָה לֹא תִהְיֶה) הָאבּ אִיךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת נִישְׁט צוּ צֶעטֵיילְן דִי קְלַאס כְּדֵי צוּ גֶעבְּן אַ פֶּתַח פַּאר דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן צוּ טְרֶעפְן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וְדַ"ל.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן; וֶוען אִיךְ זֶע אִים הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הֲנָאָה, מֶען זֶעט אִים שְׁטֶענְדִיג אָדֶער מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ חוּמָשׁ, תְּהִלִּים, וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו פַּאר דֶעם יָארְבּוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת אוּן מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט.

...

~~~~~~~~~~

**בֵּית פֵיגֶא יָארְבּוּךְ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד אַלֶע טֵייעֶרֶע 'בֵּית פֵיגֶא' תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ.**

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיר זָאלְט אַרַיין לֵייגְן אִין אֵייעֶר יָארְבּוּךְ, עֶס זָאל בְּלַייבְּן פַאר אַייךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן.

יֶעצְט וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן דֶעם יָאר וָואס אִיז דִי אַכְטֶע יָאר פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, טוּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזַא סְקוּל וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּן 'בֵּית פֵיגֶא', גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תְּפִילָה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע; דוּרְךְ תְּפִילָה וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע צוּ גֵיין אָנְגֶעטוֹן צְנִיעוּתְ'דִיג; צְנִיעוּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִינֶעם שְׁטָאט אִינְסְטַאנְבּוּל וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת - מַמָּשׁ וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּתְ'דִיג אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת.

נָאךְ אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע - טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ, אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת; בִּפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ".

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט אִיר גוֹרֵם זַיין אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר אַלֶע צַדִּיקִים אוּן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~